**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/25/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט מעין און ראוד איילענד שליסן זיך אן מיט מולטי-סטעיט אפמאך צו פארשלאגן א ראיאנישע ריינע הײדראָדזשען צענטער**

***ניו יארק-געפירטער מולטי-אגענטור קאנסארטיום רעכנט איצט אריין זעקס סטעיטס און איבער 60 הײדראָדזשען עקא-סיסטעם פאַרטנערס***

***פאַרטנערס אויסצוארבעטן פארשלאג פאר פעדעראלע ׳אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאָבס אקט׳ פינאנצירונג, ערווארטעט ארויסגעלאזט צו ווערן אין סעפטעמבער/אקטאבער מיט ביז 8 ביליאן דאלער אין סך הכל פינאנצירונג צו באקומען***

***שטיצט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציל צו רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז מעין און ראוד איילענד האבן זיך איינגעשריבן אין א ניו יארק-געפירטער מולטי-סטעיט אפמאך, זיך אנשליסנדיג מיט קאנעקטיקוט, מאסאטשוסעטס און ניו דזשערזי צו אנטוויקלען א פארשלאג צו ווערן איינע פון אמווייניגסטנס פיר ראיאנישע ריינע הײדראָדזשען צענטערן באשטימט דורך דער פעדעראלער ראיאנישער ריינע הײדראָדזשען צענטערס פראגראם אריינגערעכנט אין דעם בייפארטיזאן ׳אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאָבס אקט׳. די קאאליציע פון זעקס סטעיטס און איצט איבער 60 ריינע הײדראָדזשען עקא-סיסטעם צוזאמארבעטער לייגן די פונדאמענט פאר א פארשלאג פאר׳ן ענערגיע דעפארטמענט פון די פאראייניגטע שטאטן פינאנצירונג געלעגנהייטן ערווארטעט אויסגעמאלדן צו ווערן אין סעפטעמבער אדער אקטאבער מיט ביליאן 8 ביליאן אין סה״כ פינאנצירונג פאראן. די היינטיגע מעלדונג אוואנסירט יעדע סטעיט׳ס פירערשאפט אין ריינע הײדראָדזשען אינפראסטרוקטור ארויסשטעלונג און שטיצט ניו יארק׳ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציל צו רעדוצירן גרינהויז גאז עמיסיעס 85 פראצענט ביז 2050.

״ניו יארק פרייסט זיך אויפצונעמען מעין און ראוד איילענד צו דער פילפארביגער און דינאמישער גרופע פון צוזאמארבעטער אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער אונזער ארבעט צו אנטוויקלען און איינפירן א בליק פאר א ראיאנישע ריינע הײדראָדזשען צענטער וואס פירט פאראויס אונזערע מיטגעטיילטע קלימאט צילן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״בויען א פעסט אוועקגעשטעלטע און באהאפטענע ריינע הײדראָדזשען מארקעט לענגאויס דעם צפון-מזרח וועט פארזארגן א ריינע ענערגיע אלטערנאטיווע וואס וועט אינגאנצן ענדערן די אומשטענדן און איבערמאכן אונזער פעאיגקייט נאכצוקומען אונזערע מיטגעטיילטע קלימאט צילן און גלייכצייטיג פאראויס-ברענגען 21׳סטע יארהונדערט אינאוואציע און סטימיולירן שטארקע עקאנאמישע וואוקס לענגאויס דעם ראיאן.״

זינט דער ערשטער [מעלדונג] אין מערץ, לייגט ניו יארק צו ווייטער סטראטעגישע צוזאמארבעטער וואס רעכנט איצט אריין 14 פריוואטע סעקטאר אינדוסטריע פירער, 12 יוטיליטיס, 20 הײדראָדזשען טעכנאלאגיע ארגינעלע געצייג פאבריצירער (OEM׳ס), 10 אוניווערסיטעטן, זיבן נאָנפראָפיט

ארגאניזאציעס, פינף אנדערע סטעיטס, צוויי טראנספארטאציע קאמפאניס און דריי סטעיט אגענטורן. ניו יארק וועט ווייטער זיך באשעפטיגן מיט סטעיטס און קערפערשאפטן וועלכע זענען פאראינטערעסירט אין זיך אנשליסן, כדי צו ווייטער סאלידיזירן דעם ראיאן אלס א שטאנדהאפטיגע ריינע הײדראָדזשען צענטער.

אין צוגאב צו מעין און ראוד איילענד, וועלן נייע צוזאמארבעטער אריינרעכענען:

- ׳אדוועגט׳ טעכנאלאגיעס
- ׳אמביענט פיואלס׳
- ׳אמאגי אינק.׳
- סטאנדארט הײדראָדזשען קארפאראציע
- קאנעקטיקוט גרין באנק
- ׳עדזשווייז׳ ענערגיע
- EDP רעניועבלס פון צפון אמעריקע
- ׳עקווינאר׳
- H2/HPA סאניקס
- ׳הייזאן׳ מאטארן אינק.
- ׳אינפיניטי׳ פיואל צעל און הײדראָדזשען אינק.
- נאציאנאלע פיועל גאז אויסטייל קארפאראציע
- ׳נעל׳ הײדראָדזשען
- NECEC (צפון-מזרח ריינע ענערגיע קאונסיל און NECEC אינסטיטוט)
- ׳נארטוויל׳ אינדוסטריעס קארפ.
- ׳נאווא-הײדראדזשען׳ אינק.
- פרעט און וויטני
- ׳פרעסיזשען קאָמבוסשען׳ אינק.
- רענסעלער פאליטעכניק אינסטיטוט
- ראוד איילענד ענערגיע
- סיענא קאלעדזש
- סקייער אינק.
- ׳פיעקס רעניועבלס און סאָמיט יוטיליטי פירמעס אינק.׳
- אוניווערסיטעט פון קאנעקטיקוט

קאנסארטיום צוזאמארבעטער האבן זיך אונטערגענומען צוזאמצוארבעטן מיט דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (NYSERDA), ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט (NYPA), און ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ (ESD) אויף פארשלאג אנטוויקלונג צו פאראויס-ברענגען ריינע הײדראָדזשען פראיעקטן. צוזאמארבעטנדע סטעיטס וועלן אויך קאארדינירן מיט זייערע באזונדערע סטעיט קערפערשאפטן צו העלפן אויסגלייכן די קאנסארטיום׳ס באמיאונגען מיט יעדע באזונדערע סטעיט׳ס קלימאט און ריינע ענערגיע צילן. די רעכענען אריין קאנעקטיקוט׳ס ׳גלאובעל-וואָרמינג לייזונגס-מיטלען אקט׳ ציל פון רעדוצירן גרינהויז גאז לופט-פארפעסטונג מיט 80 פראצענט ביז 2050, מאסאטשוסעטס ציל פון גרייכן נעטאָ-זעראָ קארבאן עמיסיעס מיט 2050, ניו דזשערזי׳ס ׳גלאובעל-וואָרמינג׳ אפרוף אקט ציל פון רעדוצירן גרינהויז גאז לופט-פארפעסטונג מיט 80 פראצענט ביז 2050, מעין׳ס שטאטוטליכע צילן צו ערגרייכן קארבאן נייטראליטעט ביז 2045 און רעדוצירן גראָוס גרינהויז גאז לופט-פארפעסטונג מיט וויניגסטנס 80 פראצענט ביז 2050 און ראוד איילענד׳ס אנטשלאסנקייט צו ערגרייכן 100 פראצענט באנייבארע עלעקטרישע קראפט ביז 2033.

דער ניו יארק ׳קלימאט אקציע קאונסיל דרעפט סקאופינג פלאן׳, ארויסגעגעבן אין דעצעמבער 2021, אידענטיפיצירט נידעריגע קארבאן ברענשטאף ווי צ.ב.ש. ריינע הײדראָדזשען אלס א וויכטיגע באשטאנדטייל פון א סטראטעגיע צו ערגרייכן די צילן פון דעם קלימאט געזעץ אין סעקטארן וועלכע זענען שווער צו עלעקטריזירן, ווי למשל טראנספארטאציע און שווערע אינדוסטריע.

**NYSERDA פרעזידענטקע און CEO דאריען עם. האריס האט געזאגט,** ״מיט׳ן צולייגן מעין, ראוד איילענד און סטראטעגישע צוזאמארבעטער וואס פארטרעטן עדיוקעישען, אינדוסטריע, יוטיליטי פירמעס און דעם נאָנפּראָפּיט סעקטאר, האבן מיר וויטער פארשטערקערט א שטארקע און פילפארביגע גרופע פון צוזאמארבעטער צו פארטרעטן דעם גאנצן ווערד קייט פון אינאוואציע צום ענדע באניץ. אינאיינעם, פלאצירן מיר דעם ראיאן אלס א פירער אין ריינע הײדראָדזשען בשעת מיר דעקארבאניזירן און ארבעטן צו ערגרייכן א זערא-עמיסיע עקאנאמיע באקרעפטיגט דורך ריינע רינוּעבל-ענערדזשי.״

**ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** ״די פארברייטערטע צוזאמארבעט מיט מעין, ראוד איילענד און אנדערע איינציג-געשטימטע צוזאמארבעטער וועלן באדייטנד אונטערהייבן די ווערד פון אונזער ריינע הײדראָדזשען צענטער פארשלאג און מאכן דעם צפון-מזרח א שטערקערע, מער פילפאכיגע קאנדידאט פא פינאנצירונג דורך דעם יו-עס ענערגיע דעפארטמענט. אינאווירנדע טעכנאלאגיעס ווייזן די פאטענציעל פון גרינע הײדראָדזשען אלס א פּאָסיל-ברענשטאף אלטערנאטיווע און עס איז די ריכטיגע צייט טיפער זיך ארייננצולייגן אין די פילע געלעגנהייטן וועלכע רעדוצירן גרינהויז גאז לופט-פארפעסטונגען, בענעפיטן דעם ארבעטסקראפט און העלפן בויען א ריינע ענערגיע עקאנאמיע.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״ניו יארק׳ס ריינע ענערגיע צילן זענען דאס שליסל צו דער גרינער עקאנאמיע וואס מיר בויען פאר א שטאנדהאפטיגע צוקונפט. אונזערע אנגייענדע פירערשאפט אין שאפן א ראיאנישע ריינע הײדראָדזשען צענטער איז נאך שטערקער געמאכט דורך די סטעיטס און סטראטעגישע צוזאמארבעטער וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן מיט אונז אין אנטוויקלען א פארשלאג וואס וועט פארזארגן צוטריט צו פעדעראלע פינאנצירונג און צוקונפטיגע געלעגנהייט.״

מיט׳ן שליסן די אפמאכן, וועלן די צוזאמארבעטער ארבעטן אינאיינעם צו:

- באשטימען די פאראייניגטע בליק און פלענער פאר׳ן ראיאנישן הײדראָדזשען צענטער וואס קען פאראויס-פירן זיכערע גרינע הײדראָדזשען ענערגיע אינאוואציע און אינוועסטירונג צו אדרעסירן קלימאט ענדערונג, און גלייכצייטיג פארבעסערן די געזונטהייט, ווידערשטאנד-פעאיגקייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג פון די איינוואוינער פונ׳ם ראיאן.
- שטיצן א פארשלאג פאר א צענטער וואס מאכט קלימאט און ענווייראנמענטאלע יוסטיץ צענטראל צו איר סטראטעגיע, וועלכע וועט ליפערן געלעגנהייטן און פארבעסערטע לעבנס-קוואליטעט צו ערטער מיט געמינערטע הילפס-מיטלען לענגאויס דעם ראיאן.
- אויספירן פארשונג און אנאליז נויטיג אויף צו שטיצן דעם צענטער פארשלאג און זיך אויסגלייכן אויף א צוגאנג צו קענען מעסטן גרינהויז גאז ארויסלאז רעדוקציעס אלס רעזולטאט פון ארויסשטעלן די טעכנאלאגיע.
- דאס אנטוויקלען א מהלך אויף צו פארזיכערן דער עקא-סיסטעם פאר אינאוואציע, פראדוקציע, אינפראסטרוקטור און פארבינדענע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג איז א פאראייניגטע ציל פון אלע צוזאמארבעטער סטעיטס.
- שטיצן ענווייראנמענטאל פאראנטווארטליכע געלעגנהייטן צו אנטוויקלען ריינע הײדראָדזשען, אין איינקלאנג מיט אנטיילנעמענדע סטעיט׳ס פּאָליסיס.

די קאַליציע וועט ווייטער פאַקוסירן אויף איינגלידערן באַנייבאַרוואַרג — ווי צ.ב.ש. אויפֿן-יבשה׳דיגע און ים-ווינט ענערגיע, הײַדראָ-פּאַוער, און סאָלאַר PV — און נוקלעאַר ענערגיע קראַפט אויף ריינע הײַדראָדזשען פּראָדוקציע, און דאָס אָפּשאַצן הײַדראָדזשען פאַר׳ן באַניץ אין טראַנספּאָרטאַציע, אַריינגערעכנט פאַר מיטלמעסיגע און העווי-דוטי מאַשינען, שווערע אינדוסטריע, ענערגיע קראַפט אויפטרייבונג אַנוווענדליכקייט אָדער אַנדערע פּאַסיגע סאָרטן באַניצן אין איינקלאַנג מיט דע-קאַרבאַניזאַציע באַמיאונגען.

**ראָוד איילענד גאַווערנער דען מעקי האָט געזאָגט,** ״ראָוד איילענד איז אויפֿן וועג צו ווערן דער ערשטער סטייט אין דעם לאַנד צו דערגרייכן 100 פּראָצענט באַנייבאַרע עלעקטרישע קראַפט דורך 2033, ווי אויך צו דערגרייכן אַ נעטאָ-זעראָ רעדוקציע אין גרינהויז גאַז לופט-פאַרפּעסטונג ביז 2050. פונדעסטוועגן, ווענדט זיך דער קאַמף קעגן קלימאַט ענדערונג אויף צווישן-סטייטיגע און אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענאַרבעט. איך שטאַלציר מיך צו האָבן ראָוד איילענד זיך אָנשליסנדיג אין דעם ניו יאָרק-געפירטער ראַיאָנישע ריינע הײַדראָדזשען צענטער בשעת מיר עקספּלאָרירן די שטויגנדע פּאָטענציעל וואָס הײַדראָדזשען טוט אָנבאָטן, נישט בלויז אַלס נאָך אַ ריינע ענערגיע הילפס-מיטל, מיט ברייטע אַנוווענדליכקייט לענגאויס אונזערע טראַנספּאָרטאַציע און אינדוסטריעלע סעקטאָרן נאָר אויך דורך צולייגן נייע דזשאָבס צו אונזער עקאָנאָמיע.״

**מעין׳ס גאַווערנער ענערגיע אָפיס דירעקטאָר דען בורגעס האָט געזאָגט,** ״ריינע הײַדראָדזשען איז אַ באַגייסטערדיגע טעכנאָלאָגיע מיט פּאָטענציעל פאַר עקאָנאָמישע אויפשטייג וואָס קען רעדוצירן גרינהויז גאַז לופט-פאַרפּעסטונג פון פאָסיל-ברענשטאָף. מיר קוקן אַרויס צו אַרבעטן מיט ראַיאָנישע צוזאַמענאַרבעטער צו פּאַראַויס-ברענגען געלעגנהייטן פאַר ריינע הײַדראָדזשען, מאַקסימיזירן די בענעפיטן פון דעם בייפּאַרטיזאַנער אינפראַסטרוקטור געזעץ, און העלפן אונזער סטייט באַשיצן אונזער ענווייראָנמענט און עקאָנאָמיע פון די ווירקונגען פון דעם קלימאַט קריזיס.״

**׳אַדוואַנט׳ טעכנאָלאָגיעס פּאַרזיצער און הויפּט עקזעקיוטיוו באַאַמטער דר. וואַסיליס גרעגאָריוס האָט אָנגעמערקט,** ״מיר זענען באַגייסטערט זיך אָנצושליסן אין דעם גרויסן אינדוסטריעלן צוזאַמענאַרבעטשאַפט אין אַ צייט פון באַדייטנדע מאָמענטום פאַר אַמעריקע׳ס טראַנזיציע צו ריינע ענערגיע טעכנאָלאָגיעס. אונז אַלע ביי ׳אַדוואַנט׳ גלייבן אַז דער וועלט קען זיך גיכער דעקאַרבאַניזירן דורך אָננעמען ריינע הײַדראָדזשען און פיזעל צעלן צו ערזעצן געוועגליכע און פאַרפּעסטנדע ענערגיע קוועלער וואָס ניצן פאָסיל-ברענשטאָף. דער נייער צוזאַמענאַרבעטשאַפט האָט אונז אָנגעפילט מיט ענטוזיאַסטישקייט און אַמביציע איבער דעם צוקונפט און פּאָטענציעל פאַר אַ ריינערע אַמעריקע. מיר קוקן אַרויס צו אַן ערפאָלגרייכער צוזאַמענאַרבעט מיט די קאָנסאָרטיום צוזאַמענאַרבעטער, ווי אויך דער ניו יאָרק סטייט ענערגיע פאָרשונג און אַנטוויקלונג אויטאָריטעט, ניו יאָרק פּאַוער אויטאָריטעט, און ׳עמפּייער סטייט דעוועלאָפּמענט׳.״

**׳עקווינאָר׳ ווינט-ענערגיע יו-עס פּרעזידענט סירי עספּעדאַל האָט געזאָגט,** ״׳עקווינאָר׳ איז באַגייסטערט זיך אָנצושליסן אין דעם צוזאַמענאַרבעטשאַפט אָנגעפירט דורך גאַווערנער האָוקול און NYSERDA צו שאַפן אַ הײַדראָדזשען צענטער וואָס וועט העלפן די אַריבערגאַנג פון גרויסע אינדוסטריעס צו גרינערע טעכנאָלאָגיעס און גלייכצייטיג שאַפן געלעגנהייטן פאַר ראַיאָנישע ביזנעסער. אַלס אַ ווירקזאַמע און ענווייראָנמענטאַל-גינציגע ענערגיע טרעגער, הײַדראָדזשען וועט מאַכן אַ הויפּט ביישטייערונג צו שטאַנדהאַפטיגע אַנטוויקלונג פון ענערגיע. די וויכטיגע באַמיאונג וועט העלפן אויפשליסן טעכנאָלאָגיע וואָס וועט לייגן דעם ראַיאָן ביים סאַמע פאָרנט פון דער הײַדראָדזשען עקאָנאָמיע און שפּילן אַ פירנדער ראָלע אין נאָכקומען ניו יאָרק׳ס באַנייבאַרע ענערגיע צילן.״

**׳הייזאָן מאָטאָרס פּרעזידענט און צווישנצייטיג CEO פּאַרקער מיקס האָט געזאָגט,** ״די קאָאַליציע צווישן סטייטס און אינדוסטריע מיטגלידער איבער יעדן טריט פון די ריינע הײַדראָדזשען ווערד קייט טוט

נישט בלויז פארשטערקערן דעם ניו יארק-געפירטן צוזאמענארבעטשאפט פינאנצירונג פארשלאג, נאר עס ערמעגליכט פלאנירן פאר דער לאנג-טערמיניגער אויפשטייג פון דעם ריינעם הײדראָדזשען עקא-סיסטעם אין צפון-מזרח. די צוזאמארבעטשאפט איז איבערהויפט קריטיש אין שאפן דעם ברענשטאף אינפראסטרוקטור געפאדערט צו דעקארבאניזירן העווי-דוטי טראנספארט לענגאויס דעם ראיאן׳ס הויפט טראנספארט קארידארן.״

**ראוד איילענד ענערגיע וויצע פרעזידענט פון גאז אפאראציעס מישעל לעאון האט געזאגט,** ״אלס ראוד איילענד׳ס פירנדער ענערגיע פארזארגער, זענען מיר באגייסטערט זיך אנצושליסן אין דער באמיאונג צו העלפן אידענטיפיצירן און אנטוויקלען די פאטענציעל וואס ריינע הײדראָדזשען פארמאגט פאר אונזער ריינע ענערגיע צוקונפט. מיר זענען אנטשלאסן צו העלפן דעם סטעיט און אונזערע ראיאנישע צוזאמארבעטער עררייכן אונזערע מיטגעטיילטע ריינע ענערגיע צילן און די אונטערנעמונג וועט זיין א קריטיש-וויכטיגן מיטל אין זיי עררייכן.״

**יו-קאנ׳ס צווישנצייטיגע וויצע פרעזידענט פאר פארשונג, אינאוואציע און ענטרעפּעניורשאפט דר. פאמיר אלפאי האט געזאגט,** ״די נויט פאר ריינע און באנייבארע ענערגיע וועט בלויז שטייגן און יו-קאן שטאלצירט זיך אין איר ברייטע פארשונג אקטיוויטעטן און בילדונגס שטרעבונגען אין ריינע הײדראָדזשען און פיוּעל צעלס. פון דעם שפיץ פון אונזער פירערשאפט האט יו-קאן געמאכט ריינע, באנייבארע ענערגיע א הויפט פארשונג פריאריטעט, ווי געצייגט דורך אונזער אויסצייכענונג-געווינענדע איינריכטונג, ראיאנישע און אלוועלטליכע אינדוסטריעלע צוזאמארבעטשאפטן, און סטעיט-אָוו-דע-אַרט איינריכטונגען אויף אונזערע קאמפוסן. אונזער אוניווערסיטעט איז אנטשלאסן זיך אפצורופן צו די ארויספאדערונגען וואס ריינע הײדראָדזשען טעכנאלאגיע שטעלט פאר און מאכט גרייט נייע דורות קאנעקטיקוט סטודענטן פאר קאריערעס אין דעם געביט.״

**מאסאטשוסעטס ענערגיע און ענווייראנמענטאלע אנגעלעגנהייטן סעקרעטארשע בעטה קאַרד האט געזאגט,** ״אויף צו עררייכן אמביציעזע קלימאט צילן, ווי למשל דאס גרייכן נעטא-זערא גרינהויז גאז לופט-פארפעסטונגען אין 2050, מוזן מיר פארזעצן ווייטער ראיאנישע קאאפעראציע. פאראייניגן די עקספלאראציע און ארויסשטעלונג פון נייע טעכנאלאגיעס און באנייבארע ענערגיע קוועלער מיט שטערקערע צוזאמארבעטשאפט העלפט אלע צוזאמארבעטער מאכן באדייטנספולע, שטאנדהאפטיגע פארשריט צו לינדערן די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג, און מיר נעמען אויף מיט צופרידנהייט דעם סטעיט מעין און ראוד איילענד אין דעם מולטי-סטעיט אפמאך.״

**קאנעקטיקוט DEEP קאמיסיאנערין קעיטי דייקס האט געזאגט,** ״DEEP איז באגייסטערט צוצולייגן מעין און ראוד איילענד צו דער ראיאנישער הײדראָדזשען צענטער אנווענדליכקייט מאנשאפט. ווידעראמאל, אזוי ווי מיר האבן געטון מיט׳ן ראיאנישן גרינהויז גאז אונטערנעמונג, טוט צפון-מזרח פירן דעם וועג אין ווירקזאמע צוזאמארבעטשאפט צו אדרעסירן קלימאט ענדערונג און שעדליכע לופט פארפעסטונג. איך בין קאנפידענט אז די שווערע ארבעט וועט ברענגען גרויסע בענעפיטן צו קאנעקטיקוט און דעם גאנצן ראיאן דורך אויסניצן פעדעראלע פינאנצירונג צו אינוועסטירן אין ריינע הײדראָדזשען טעכנאלאגיע, מאכן באדייטנדע רעדוקציעס אין קארבאן עמיסיעס און ווייטער בויען קאנעקטיקוט׳ס ריינע ענערגיע עקאנאמיע אין א יושר׳דיגן שטייגער.״

**דער גאווערנער׳ס אפיס פון ריינע ענערגיע און דער גרינער עקאנאמיע דירעקטארין דזשעין קאהען האט געזאגט,** ״אונטער גאווערנער מורפי׳ס פירערשאפט, ניו דזשערזי׳ס קלימאט פּאָליסיס זענען פאקוסירט אויף איינזייען ריינע ענערגיע טעכנאלאגיע אינאוואציע און מאכן וואקסן אונזער סטעיט׳ס ריינע ענערגיע עקאנאמיע, רעזולטירנדיג אין דאס ארויסשטעלן איבער 4,000 MW פון סאָלאַר און באדייטנדע פארשריט אין ים-ווינט ענערגיע אנטוויקלונג. עס פריידט אונז אויפצונעמען ראוד איילענד און מעין צו דער ראיאנישער צוזאמארבעטשאפט און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אונזער סטעיט און MOU צוזאמארבעטער צו אנטוויקלען א שטארקע פארשלאג פאר פינאנצירונג.״

אין יוני 2022, האט דער ׳יונייטעד סטעיטס׳ ענערגיע דעפארטמענט פון ענערגיע (DOE) אויסגעמאלדן אז אן ערשטער ריינע הײדראָדזשען צענטערן פינאנצירונג געלעגנהייט מעלדונג (FOA) וועט ארויסגעגעבן ווערן אין סעפטעמבער אדער אקטאבער 2022 מיט אן ערווארטעטע 6 ביז 7 ביליאן דאלער אין צוגעשטעלטע פינאנצירונג. די אנהייב פינאנצירונג איז ערווארטעט צו שטיצן 6 ביז 10 ריינע הײדראָדזשען צענטערן און אויסגעטיילט ווערן אין 2023; נאך 1 ביז 2 ביליאן דאלער קען מעגליך ווערן צוגעשטעלט פאר צוקונפטיגע FOA אונטערנעמונגען אדער אנדערע שטיצנדע אקטיוויטעטן. פארשלאגן וועלן געשאנקען ווערן אויף ביז א מאקסימום פון 1.25 ביליאן דאלער.

פאר מער אינפארמאציע אויף הײדראָדזשען אקטיוויטעטן אין ניו יארק סטעיט, ביטע באזוכט NYSERDA׳ס וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. מיט׳ן אריינשטעלן אין געזעץ דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו ערגרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביז׳ן יאר 2040, אריינגערעכנט שאפן 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביז׳ן יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט איבער דער גאנצער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 35 ביליאן דאלער אין 120 גרויס-פארנעמיגע באנייבארע ענערגיע און טראנסמיסיע פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיעס, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, איבער 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.6 ביליאן דאלער אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין2020, א 2,100 פראצענטיגער שטייגונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז׳ן יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-שפארעדיגקייט ציל אויף צו רעדוצירן אויפ׳ן-פלאץ ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן